בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגור שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

ס"ג פרשת וירא תשפ"ג
מאמר ב'

יו"ל פר' וירא תשפ"ד

ב"ה

# ברוכים הבאים בשם ה'

מקבלים אנו בברכה את פני

**רבינו ראש הישיבה מגור שליט"א**

לקראת בואו בשערי ארצינו

לרגל מעמד סיום מסכת קידושין הנלמד במסגרת

"לבנו בתורתו" עמוד הקהילה

ולרגל כנס חיזוק

לאור המצב הקשה השורר בארה"ק

שייערך בעזהשי"ת

**ביום ג' כ"ג חשון**

באולם The Palace

Mcdonald Ave, Brooklyn N.Y. 11218 780

תפלת מעריב והתחלת המעמד אי"ה

**בשעה 7:30 בערב**

**ביום רביעי כ"ד חשון יתקיים אי"ה תפלת שחרית**

**בשעה 7:30 באולם** Eminence

16th Ave, Brooklyn N.Y. 11204 4315

יהי בואו לברכה

**דער שב שמעתתא** (אין זיין הקדמה אות ב) פרעגט, פארוואס ווען דער אייבערשטער האט באפוילען אברהם אבינו עליו השלום צו מאכען די עקידה, האט ער איהם געזאגט (כב, ב) 'קח נא את בנך את יחידך **אשר אהבת** את יצחק', און דערנאך ווען ער איז בייגעשטאנען דעם נסיון, איז איהם געזאגט געווארען דורכ'ן מלאך (כב, טז) 'יען אשר עשית הדבר הזה ולא חשכת את בנך את יחידך', און דארט שטייט נישט **'אשר אהבת'**. און ער געבט צו פארשטיין דער ענין אז מ'קען נישט ליעב האבען צוויי זאכען אין איינעם, און כל עוד אז דער מענטש האט א אהבה - ליעבשאפט צו צוויי ערליי זאכען צוזאמענט - דעמאלט איז די ליעבשאפט נישט גאנץ - מושלם, אויך נישט ביי איין זאך באזונדער [עי"ש שמביא דברי ספר העיקרים (מאמר ג פל"ה) על מצות 'ואהבת את ה' אלקיך', שאי אפשר שיתאחד האוהב באהוב התאחדות גמורה כמו שהוא מגדר האהבה אלא אם כן היה האהוב אחד, עי"ש], און דערפאר כל עוד וואס אברהם אבינו האט נאך געהאט דעם ליעבשאפט פון א טאטע צו א קינד, צו זיין זוהן יצחק, האט איהם נאך עפעס געפעלט אין די ליעבשאפט צום אייבערשטען - ווייל ס'איז צושפרייט געווארען די ליעבשאפט אויך צו זיין זוהן, און דאס איז געווען די עיקר פון די נסיון, אז ער זאל אפקילען און אויסרייסען פון זיין הארץ די ליעבשאפט צו זיין זוהן, און ער זאל גאנץ מאכען די ליעבשאפט צום אייבערשטען - מיט דעם וואס ער וועט זיין גרייט מקריב צו זיין זיין זוהן צוליב די באפעל פונעם אייבערשטען, און טאקע געוויס איז אברהם אבינו עליו השלום בייגעשטאנען דעם נסיון, און מיט דעם וואס ער איז געווען גרייט דערויף איהם מקריב צו זיין, איז בטל געווארען פון זיין הארץ די ליעבשאפט צו יצחק, און מיט דעם איז פארטיג געווארען אין זיין הארץ דעם ליעבשאפט צום אייבערשטען, און דעריבער נאכדעם וואס ער איז בייגעשטאנען די נסיון, שטייט שוין נישט אין פסוק **'אשר אהבת'**, ווייל עס האט זיך שוין אפגעטוהן פון איהם און ס'איז בטל געווארען פון זיין הארץ די ליעבשאפט צו זיין זוהן, און ער האט גאנץ געמאכט אלע טיילען פון די ליעבשאפט - ליעב צו האבען דעם אייבערשטען.

**דעם** אויבען דערמאנטע תירוץ איז לויט די גאנג פון די שב שמעתתא, אבער על פי דרך החסידות שטייט אין ספרים הקדושים א פארקערטער גאנג, אז אין אמת'ן אריין האט אברהם אבינו עליו השלום בכלל נישט געהאט קיין נסיון מקריב צו זיין זוהן פאר א עולה צום אייבערשען, ווייל זיין איינציגסטע ליעבשאפט איז געווען פאר'ן אייבערשטען - אהבת ה', און אויך זיין ליעבשאפט פאר זיין זוהן איז אויך נישט געווען אזיין סארט ליעבשאפט וואס קומט פון א געפיהל פון א אייגענע ליעבשאפט: איך האב א גוטען זוהן, איך האב עפעס אין מיין רשות, נאר אהבת הבנים איז א סניף און א צווייג פון אהבת ה', ווייל זיין גאנצע רצון איז אז זיין עבודה פאר'ן אייבערשטענס וועגען זאל זיך שטענדיג ציען, און וויבאלד אז ער ווייסט אז ער איז נאר א בשר ודם און ער האט צו לעבען נאר געציילטע יארען, דערפאר וויל ער אויפשטעלען נאך געטרייע קנעכט פאר'ן קעניג - מלך מלכי המלכים הקב"ה, אז ס'זאל ווייטער אנגיין מיט'ן טוהן דעם רצון פונעם אייבערשטען, און אזוי וויא ס'שטייט ביי אברהם אבינו 'למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט' (יח, יט).

און כדי אז ס'זאל זיין א נסיון האט דער אייבערשטער געזאגט 'אשר אהבת' - ווייל ער האט געדארפען אריין לייגען אין זיין הארץ א ספעציעלע ליעבשאפט צו זיין זוהן יצחק, פארקערט פון דאס וואס ער האט געהאט אגאנץ לעבען אין זיין הארץ, און דאס איז געווען די נסיון, מקריב זיין די סארט ליעבשאפט - אהבה וואס מען האט אין איהם אריין געלייגט אין זיין הארץ פאר'ן אייבערשטענס וועגען (עי' לקוטי הרי"מ, ועי' צמח דוד להרה"ק מדינוב זי"ע). און נאכדעם וואס ער איז בייגעשטאנען אין דעם נסיון, האט ער זיך אום געקערט צו די מדריגה וויא ער האט געהאלטען פאר'ן נסיון, אז ער האט נישט געהאט קיין ספעציעלע ליעבשאפט צו זיין זוהן - נאר בלויז אהבת ה', און דעריבער שטייט נישט 'אשר אהבת' (עי' גנת אגוז להרה"ק רבי פינחס סאסיש זי"ע).

**שנו** חכמים אין מסכת כלה (פרק י 'דרש רבא כל מי שיש בו שלש מדות הללו, בידוע שהוא מזרעו של אברהם אבינו, רחמן ובייישן וגומל חסדים, בשלמא 'גומל חסדים' דכתיב (מיכה ז, כ) 'חסד לאברהם', 'ביישן' נמי וכו', אלא 'רחמן' הא אברהם לא רחים על בריה, היינו רבותיה דאברהם להודיעך חבתו בהקב"ה' [וכ"ה ביבמות עט. בנוסח אחר].

און מען דארף דאס צו פארשטיין, ווייל צו דען איז בכלל דא א הוה אמינא אז אברהם אבינו האט זיך אויפגעפירט אן קיין רחמנות און מיט אכזריות כלפי יצחק?! אלע ווייסען דאך אז מ'רעדט דא פון די נסיון פון עקידת יצחק און ער האט געטוהן געגוי וואס דער אייבערשטער האט איהם באפוילען.

**איך** האב געזעהן אז **רבינו הגדול הגאון רבי דב לנדו שליט"א** (גליון מנחת דבר פר' וירא תשפ"ג) שטעלט זיך שוין אויפדעם, און ער איז דארט מסביר אז אין אנהייב האט ער געהאלטען אז א טייל פונעם באפעל פונעם אייבערשטען איז געווען איינצוהאלטען די רחמנות און דאס מבטל זיין פונעם הארץ, און ער ענטפערט אז נישט אויפדעם האט מען זיי באפוילען, נאר אז די כבישת הרחמים איז געווען אויפ'ן שטייגער אז מ'דארף מערן דעם ליעבשאפט צום אייבערשטען אז עס זאל זיין שטרקער וויא די רחמנות, און נישט דורך מבטל צו זיין די רחמנות. און לפי עניות דעתי קען מען דאס געבען צו פארשטיין אויף אן אנדע'ן אופן, ווייל דאס איז קלאר אז באר'ן עקידה איז געווען כבישת הרחמים וביטולם צום אייבערשטען, און אזוי וויא מיר זאגען אינעם תפלה נאכ'ן זאגען פרשת העקידה 'כמו שכבש אברהם אבינו את רחמיו לעשות רצונך בלבב שלם', און מיר בעטען אז ס'זאל אונז ביישטיין דעם זכות 'כן יכבשו רחמיך את כעסך מעלינו, וכו', ובטובך הגדול ישוב חרון אפך מעמך ומעירך ומארצך ומנחלתך' - קומט אויס אז פונדעם דאזיגען כבישת הרחמים לעבען מיר און מיר האלטען זיך אין גלות.

**נאר** די כוונה פון די שאלה אין מסכת כלה איז נישט אויף די מעשה העקידה - וויא אזוי ער האט געטוהן אזיין סארט מעשה וואס איז פארקערט פון מדת רחמנות, ווייל געוויס איז דאס קלאר אז ס'איז געווען א נסיון און א באפעל פאר אברהם אבינו כובש זיין רחמיו, אבער מיר דארפען טרעפען א 'מקור' צו דאס וואס רבא האט געדרשנ'ט אז דער וואס האט רחמנות אויפ'ן צווייטען איז ער מזרעו של אברהם אבינו [נאר אויף איינער וואס ער איז א גומל חסדים און א ביישן ברענגט מען דארטען א מקור דערויף], וואס לכאורה טרעפען מיר נישט א מקור וואס מיר זאלען זעהן רחמים ביי אברהם אבינו, און אויב שוין יא - איז לכאורה לויט די פליישיגע אויגען זעהן מיר א אקט וואס דאס איז די פארקערטע פון מדת הרחמים. און אויפדעם האט ער געענפערט, אז פון די נסיון פון די עקידה אליינט וואס

אברהם אבינו איז באפוילען געווארען כובש זיין רחמיו, האבען מיר א מקור צו די מדת הרחמים פון אברהם אבינו, ווייל מען פראבירט אויס דער מענטש דייקא אויף א מדה וואס איז ביי איהם זייער שטארק, און פונדעם וואס מיר זעהן אז מען האט איהם אויספראבירט מיט א נסיון אז ער האט געדארפען כובש זיין זיין מדת הרחמים, איז געדרינגען דערפון אז ער האט געהאט א ספציעלע מדה פון רחמים, און דאס איז 'היינו רבותיה דאברהם להודיעך חבתו בהקב"ה' - אזוי ווי דער משנה זאגט אין אבות (פ"ה מ"ג) 'עשרה נסיונות נתנסה אברהם אבינו ע"ה ועמד בכולם, להודיע כמה חבתו של אברהם אבינו ע"ה'.

**און** אויף דעם גאנג קען מען טייטשען דאס וואס מען פרעגט פארוואס רעכנט מען די נסיון פון די עקידה אלץ א נסיון פון אברהם אבינו און נישט די נסיון פון יצחק אבינו עליו השלום - און אין די משנה ווערט דאס אויסגערכנט אלץ איינער פון די צעהן נסיונות וואס אברהם אבינו איז אויס פראבירט געווארען, און אט לויט וואס דער אייבערשטער האט באפוילען אברהם, האט ער געדארפען בלייבען ביים לעבען און יצחק האט געדארפען נקרב ווערען אלץ קרבן עולה.

**מ'זאגט** נאך אין נאמען פון די **קאצקער רבי זי"ע** אז ער האט דאס פארענפערט אין קארצען און ער האט געזאגט וויבאלד עס שטייט 'והאלקים נסה את **אברהם**', און ס'שטייט נישט 'והאלקים נסה את יצחק'. און מ'דארף פארשטיין זיינע הייליגע ווערטער, ווייל אויב אזוי קען מען פרעגען אויפ'ן פסוק אליינט, פארוואס האט דער תורה אנגעהאנגען די נסיון אין אברהם און נישט אין יצחק. און ס'דא אזעלעכע וואס האבען פארטייטשט זיינע הייליגע ווערטער, אז די סיבה איז וויבאלד בשעת א נסיון נעמט מען צו פון דער מענטש אלע זיינע מדרגות, און נאר פון אברהם אבינו וואס ס'שטייט אין די תורה אז מען האט איהם אויספראבירט האט מען צו גענומען זיינע מדרגות, אבער ביי יצחק אבינו וואס ס'שטייט נישט אין די תורה אז מען האט איהם אויספראבירט, פון איהם האט מען נישט צוגענומען זיינע מדרגות, און דערפאר ווערט דאס נישט גערכנט ביי איהם אלץ א נסיון ווייל ער איז געבליבען מיט זיינע מדרגות (עי' שפתי צדיקים בפרשתן אות טו (מהד"ח עמ' כד)).

**אבער** עס זעהט אויס צו טייטשען די כוונה פונעם קאצקער רבי'ן זי"ע, אויפ'ן

גאנג וואס עס שרייבט די **תפארת עוזיאל** [מתלמידי המגיד הגדול זי"ע] צו פארענטפערען די פריעדיגע שאלה פארוואס רופט די תורה אהן די נסיון העקידה - די נסיון פון אברהם און נישט פון יצחק, ווייל חז"ל זאגען דאך (קדושין לא.) 'גדול המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה', און ס'שטייט אין די גמרא (סוכה נב.) 'כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו', קומט אויס אז אויך אנדעם וואס מען זאל איהם צונעמען די מדרגות בשעת'ן נסיון, פונדעסטוועגען האט א מצווה ועושה א גרעסערען יצר הרע וויא איינער וואס איז נישט מצווה ועושה, ווייל דער עצם ציווי ה' באאפט א כח התנגדות פאר'ן ציווי פונעם אייבערשטען, ווייל ווען נישט די התנגדות וואלט אלעס געווארען מיט'ן עצם מאמר ה' - און על כרחך דארף מען האבען א הסתר און א כח התנגדות צום ציווי ה' [ועי' תוס' (ע"ז ג. 'גדול המצווה ועושה, פי' מפני שהוא דואג תמיד לבטל יצרו ולקיים מצות בוראו')], און דא בארן עקידה איז געווען א ציווי פונעם אייבערשטען צו אברהם און נישט צו יצחק - קומט אויס אז אברהם איז געווען א מצווה ועושה און יצחק איז געווען א אינו מצווה, און דערפאר איז די יצר הרע פון אברהם געווען גרעסער וויא די יצר הרע פון יצחק, און דעריבער האט די תורה אנגערופען די נסיון אלץ א נסיון פון אברהם און נישט פון יצחק. און דאס איז געווען די כוונה פון די קאצקע רבי זי"ע אז ס'שטייט נישט והאלקים נסה את **יצחק**, נאר את **אברהם**, ד. ה. אז יצחק איז געווען אינו מצווה ועושה, און נאר ביי אברהם וואס ער איז געווען מצווה ועושה, האט ער געהאט א נסיון מכח די התנגדות וואס איז דא צו די ציווי ה'.

**און** דאס ליגט א אויפגאבע אויף יעדער איינער און איינער גוט צו וויסען, און ער דארף דאס גוט אריין נעמען אין טיפעניש פונעם הארץ אז ער זאל דאס געדענקען אויך בשעת'ן נסיון, ווייל געוויס טאקע זענען די נסיונות פונעם יצר הרע שווער זיך צו מתגבר זיין אויף זיי, און יעדער אידיש קינד האט זיינע אייגענע נסיונות דאס וואס דער אייבערשטער האט גוזר געווען אויף איהם פון אויבען - וואס זיי זענען די נסיון העקידה וואס איז דא פאר אלע קינדער פון יצחק, אבער מ'דארף געדענקען אז לויט וויפיהל עס קומט אהן שווער זיך מתגבר אויפ'ן יצר הרע, איז דאס א צייכען און א אויפווייז אז ס'איז דא פארהאן א ציווי

פונעם אייבערשטען ביי צו שטיין באר'ן נסיון, און דער אייבערשטער איז דער וואס שטייט פון אונטער דעם נסיון, און אויך די פארשטעליכטץ איז פון איהם, ווייל די באפעל ביי צו שטיין ביים נסיון און דער שוועריקייט ביי צו שטיין ביים נסיון, זענען צוויי זייטען פון דעם זעלבען מטבע - ביידע זענען באשאפען געווארען און געמאכט געווארען דורכ'ן רבונו של עולם, וואס צוזאמענט מיט'ן 'ציווי' ביי צו שטיין באר'ן נסיון האט ער אויך באשאפען א כח התנגדות, און אויב מען געדענקט דאס, מאכט דאס קלענער דעם נסיון, און עס מאכט לייכטער זיך מתגבר זיין אויפ'ן יצר הרע.

**מ'קען** פארטייטשען אויף נאך א אופן פארוואס ווערט דער נסיון אנגערופען אויפ'ן נאמען פון אברהם און נישט פון יצחק, ווייל יצחק אבינו איז געווואר געווארען פונעם נסיון נאר דעמאלט ווען מען האט איהם געזאגט (כב, ח 'אלקים יראה לו השה לעולה בני' - דעמאלט האט יצחק אבינו פארשטאנען אז ער דארף זיך מוסר נפש זיין (עי' רש"י שם), אבער אברהם אבינו ע"ה וואס האט שוין געוויסט פונעם נסיון דריי טעג פון פאראויס, און פון דעמאלט אן האט ער זיך צוגעגרייט מיט אלע זיינע כוחות צו טוהן דאס וואס דער אייבערשטער האט איהם באפוילען, און אויפ'ן וועג האט ער זיך מתגבר געווען אויף אלע מניעות און הסתרות וואס דער שטן האט איהם צוגעשטעלט דעמאלטס, אזוי וויא ס'שטייט אין מדרש, קומט אויס אז מיט זיינע מעשים האט ער אויסגעטרויטען דעם וועג פאר זיין זוהן יצחק, און אזוי וויא די **ספרים הקדושים** ברענגען אראפ אז יעדער נסיון וואס די אבות זענען זיי ביי געשטאנען - דעם כח ליגט איינגעווארצלט אין זייערע קינדער נאך זיי אין אלע דורות, ווייל דער וועג איז זיי געווארען אויס געטרויטען (ועי' ספר חסידים סי' קס), און ווען אברהם האט געזאגט פאר יצחק 'אלקים יראה לו השה לעולה בני', האט ער געהאט אלע כוחות פון אברהם אבינו עליו השלום, און דעריבער ווערט עס איהם נישט גערעכנט אלץ א נסיון אזוי וויא מען רעכענט דאס פאר אברהם אבינו עליו השלום - וואס ער האט אויס געטרויטען דעם וועג אן קיין הכנה און אן הילף.

**און** דעם דאזיגען זאך איז נוגע פאר אלע דורות, אז מיר דארפען וויסען אז אין יעדער נסיון וואס עס זאל נאר נישט זיין, האבען מיר א הילף פון

עקידת יצחק, און פון אלע פריערדיגע דורות, וואס מיט זייער כוח איז אונז מער לייכטער ביי צו שטיין די נסיונות און זיך מתגבר זיין אויפ'ן יצר הרע, ווייל מען פאדערט פון אונז צו גיין אינעם אויסגעטרויטרנע וועג.

**שטייט** אין פסוק (יח, ב) 'וירא והנה שלשה אנשים', זאגט רש"י 'אחד לרפאות את אברהם' וכו', און ס'ווערט געברענגט פון הרה"ק **מווארקא זי"ע** (בית יצחק בפרשתן) אז לכאורה איז שווער צו פארשטיין פארוואס האט מען דא געדארפען צו האבען נאך א מלאך וואס זאל איהם קומען אויסהיילען, עס שטייט דאך 'וירא אליו ה'' - אז דער אייבערשטער אליינט איז איהם געקומען באזיכען, און ער איז דאך דער געטרייע דאקטער, און מיט'ן עצם התגלות פונעם אייבערשטען צו איהם טוהט זיך אפ אלע קראנקהייטען. פארענפערט דאס הרה"ק מווארקא זי"ע מיט א משל, ס'איז אמאהל געווען איינער וואס האט געהאט א געטרייע פריינד און ער האט איהם געוואלט גיין באזיכען - א באזוך פון פריינדשאפט און ליעבשאפט, און וויא פארשטענדליך אויב אין יענער צייט האט ער אויך א געוויסע ענין פון א געשעפט וואס ער וויל זיך אדורך שמיעסען מיט איהם, וועט ער צו ווארטען דערמיט און ער וועט דעמאלט נישט רעדען מיט איהם וועגען דעם, ווייל אויב ער וועט יא רעדען מיט איהם דערויף, וועט זיין פריינד מיינען אז דאס איז געווען דער צוועק פונעם באזוך, און טראצדעם וואס דער ענין פון די געשעפט זענען לטובת שניהם - פונדעסטוועגען נעמט דאס אראפ פונעם פריינדשאפט פונעם באזוך, נאר וואס דען וועט ער טוהן, ער וועט דערנאך שיקען א שליח ער זאל צו ענדיגען דער ענין פון דער געשעפט, און דעמאלט וועט אויסקומען אז דער באזוך וועט זיין א באזוך פון פריינדשאפט צווישען זיי ביידע אליינט. דאס אייגענע זאך איז דא, אויב דער מלאך וואלט נישט געקומען איהם אויסהייליען, וואלט אברהם אבינו עליו השלום געמיינט אז דער אייבערשטער איז איהם געקומען אויסהיילען, דעריבער האט דער אייבערשטער געשיקט א מלאך זאל איהם קומען אויסהיילען, כדי אז אברהם אבינו ע"ה זאל אנערקענען אז דער אייבערשטער איז איהם געקומען באזיכען בלויז פון ליעבשאפט כדי זיך נאך צופרעגען בשלומו, און נישט פאר קיין שום אנדערע צוועק [און נאר ביי א בשר ודם איז דאס ציהל פון 'ביקור חולים'

כדי צו זעהן מיט וואס ער קען איהם גרינגער מאכען אדער ער זאל דאוועגען אויף איהם, אבער ביים אייבערשטען ווען ער שיקט א מלאך זאל איהם גיין אויסהיילען, איז דאס באזוך זיינער נאר פון חביבות].

**פון** די הייליגע ווערטער דארפען מיר זיך ערוועקען, אז אונזערע גילוי פון אהבה צום אייבערשטען דארף זיין מיט'ן זעלבען מאס - כמים הפנים לפנים, ווייל ס'דא אזעלכע וואס דערמאנען זיך אינעם ליעבשאפט צום אייבערשטען נאר דעמאלט ווען ער דארף עפעס צו האבען פון איהם, ער וויל באקומען א באלוינונג צוליב זיין אהבה, אבער דאס איז נישט די אמת'דיגע אהבה, ווייל די אהבה וואס מ'פאדערט פון אונז מען זאל האבען צום אייבערשטען, איז א אהבה כפשוטה - בלויז לשם אהבה, נישט בשעת צרה און נישט בשעת ווען מען בעט עפעס פון אייבערשטען.

**געוויס** קומט דאס בכלל נישט אן לייכטערהייט, און מ'דארף זיך מיטשען און פלאגען דערויף, ווייל 'חולת אהבה אני' (שה"ש ב, ה), אבער מיר האבען אין אונזער הענט דער מעגליכקייט צו אנטפלעקען די אהבה וואס ליגט גאר טיף אין הארץ, ווייל אט טוהט דער **שפת אמת** ערקלערען (לקוטים ד"ה ברש"י, תרנ"ז ד"ה וירא, תרס"ד) אז 'וירא אליו ה'' (יח, א) - 'לבקר את החולה' (רש"י שם), איז געווען כדי אויס צו היילען דעם 'חולת אהבה', ווייל די אהבת הנפש צום אייבערשטען איז פארדעקט און באהאלטען, און עס קען נישט ערפלעקט ווערען אינעם גוף צוליב די 'ערלה', און דערפאר איז ער 'חולת אהבה', און דורכ'ן 'מילה' און די התגלות השכינה ווערט דאס אויסגעהיילט און עס ווערט אנטפלעקט די אהבה, און דאס איז די באדייט פון 'לבקר את החולה' - ערוועקען די אהבה וואס איז געווען אנהייב אין א בחינה פון א 'חולה'. און אזוי אויך האט כנסת ישראל א תאוה און א השתוקקות זיך צו באהעפטען און מתדבק זיין צום אייבערשטען, ווייל די זעהל און די גייסט גלוסטען צום 'שורש', נאר זיי קענען נישט וויבאלד זיי זענען צוגעבינדען און אנגעשפארט אינעם גשמיות'דיגע קערפער, און דורכ'ן 'מילה' שטארקט זיך די גלוסטונג פונעם נפש און דעם רוח.

**יעדער** איינער און איינער פון די אידישע פאלק האט אין זיין הארץ

אן 'אהבה' צום רבונו של עולם, א אינערליכע און פארשטעלטע אהבה, און מיר בעטען 'אנא קֵל נא רפא נא לה, נפשי חולת אהבתך', מיר זאלען זוכה זיין צו מל'ן די הארץ, אנטפלעקען און אויפדעקען די אהבה מהכח אל הפועל, און מיר זאלען שפירען דעם אהבת ה' אין אלע אונזערע מעשים.

לתרומות נא לפנות למכון
כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל

"גחלי אש"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו ראש הישיבה מגור שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

"בם חייתני"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com